## כינוס התעוררות בבית מדרשנו בבארא פארק

ככלות השלשים של האשה החשובה פראדל מלכה ברייער ע"ה - יום א' פרשת אחרי - קדושים תשע"ג לפ"ק

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו א כינוס, מעורר צו זיין יודישע קינדער, די בני חבורה וואס דארף דואג זיין אויף וואס עס האט פאסירט. מען האט שוין פריער געהערט פונעם דיין זאל זיין געזונט, און אנדערע חשובע פאר-רעדנערס, וואס האבן ארויסגעברענגט וואס יעדער איינער דארף זוכן ביי זיך וואס ער קען מתקן זיין, וואס יעדער ווייסט נגעי נפשו, וואס עס פעלט אויס ביי אים מתקן זיין.

**מען** האט געהאט געלערנט די פאריגע וואך די פרשה פון נגעים, די הלכות פון נגעי אדם, נגעי בגדים, און נגעי בתים. און ווען עס גייט אדורך די נגע, און מען איז זיך מטהר, שטייט אין די תורה אז מען דארף ברענגען קרבנות. ביי נגעי בתים, טאמער איז געווען א נגע אין שטוב, איז נאכדעם וואס מען רייניגט עס, האט מען געדארפט ברענגען שתי צפרים, צוויי פייגלעך, און איינס האט מען גע'שחט'ן, און איינס האט מען אוועקגעשיקט. ביי נגעי אדם האט די תורה צוגעגעבן, אז אויסער די צפרים וואס מען דארף ברענגען, דארף מען נאך ברענגען דערצו נאך דריי קרבנות, א חטאת מיט א עולה און א אשם. כדי זיך צו קענען מטהר זיין איז נישט גענוג שתי צפרים, מען מוז נאך ברענגען דערצו דריי בהמות, וואס מען האט מקריב געווען פאר א קרבן. דער הייליגער **רמב"ן** (ויקרא יד-נג) שטעלט זיך, פארוואס איז אנדערש נגעי בתים, אז מען ברענגט נאר שתי צפרים, און ביי נגעי אדם האט מען געדארפט ברענגען נאך דריי קרבנות, א חטאת מיט א עולה און א אשם?

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז. ווען א מענטש באקומט א נגע, רופט אים אן דער פסוק (ויקרא יג-מד) 'איש צרוע הוא', ער איז א איש צרוע, 'טמא הוא', ער איז טמא. 'טמא יטמאנו הכהן', דער כהן זאל אים מטמא זיין, 'בראשו נגעו', ער האט א נגע אויף זיין קאפ. איך האב אמאל גערעדט דערפון, אז דער פשט דערפון איז, אין מדרש (ויק"ר יז-ד) שטייט, אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחילה. ווען דער רבונו של עולם וויל שטראפן א מענטש, הייבט זיך עס נישט אן ביי א נפש. דער באשעפער גייט נישט צו גראד צו דעם הארבסטן זאך, אוועקצונעמען א נפש מישראל. ווען דער אייבערשטער וויל שטראפן א יחיד, צו ער וויל שטראפן א ציבור, איז דער רבונו של עולם נישט פוגע די ערשטע זאך אין די נפשות, נאר ער הייבט אן קודם מיט נגעי בתים. א נגע אין די שטוב; א נגע אין די ביזנעס; דער באשעפער נעמט צו עפעס פון זיין שטוב, די נחת פון די שטוב, פרנסה פון די שטוב, אדער אנדערע באקוועמליכקייטן וואס א מענטש האט אינדערהיים, דארט הייבט אן דער אייבערשטער קודם צוצורירן, כדי דער מענטש זאל זיך משים לב זיין, עפעס האט פאסירט ביי מיר אין שטוב, איז א סימן אז מען דארף עפעס פאררעכטן. און אז מען איז זוכה, און מען איז מתקן תיכף וואס מען דארף מתקן זיין, ער באקומט די מעסידז"ש דאס ערשטע מאל, גייט אוועק די נגע.

**אז** מען זעהט פון הימל אז עס האט אים נישט גערירט, אלעס האט א תירוץ. עס האט פונקט אזוי פאסירט; די ביזנעס איז שוואך; די גאנצע וועלט ליידט; נגעי בתים מאכט זיך ביי אן אנדערן אויך; ער שפירט נישט אז ער איז א אויסנאם, אז צו אים האט פאסירט עפעס אנדערש ווי ביי א צווייטן, איז דאך נישט דא קיין עצה, דער אייבערשטער וויל דאך אים צוריקקערן, בלייבט די נגע אינעם שטוב, און מען צוווארפט די שטוב. אויב ער האט ווייטער נישט תשובה געטון, קומט נאכדעם א נגע אינעם בגד, שוין נאנטער צו דעם מענטש, עס רירט שוין אן אין די בגד פונעם אדם. אז דאס העלפט אויך נישט, דעמאלטס קומט ארויס די נגע אויפן מענטש אליין. דער בעל הרחמים איז

נישט פוגע בנפשות תחילה, די סדר פון די נגעים איז, קודם קומט נגעי בתים, נאכדעם קומט נגעי בגד, נאכדעם קומט די נגעים אויפן אדם. - קומט אויס, אז א מצורע, וואס האט באקומען א נגע, איז א סימן אז ער איז שוין אדורכגעגאנגען פאר דעם נגעי בתים, און ער איז שוין אדורכגעגאנגען נגעי בגדים, און ער האט נישט משים לב געווען אויף דעם וואס איז געקומען, האט דער אייבערשטער נישט געהאט קיין ברירה, און די נגע האט צוגערירט צו דעם מענטש אליין.

**זאגט** די תורה הק', טאמער דו זעהסט אז איינער ווערט א מצורע, דו זעהסט אז די נגע רירט שוין אן אין נפשות, עס רירט אן צו אים אליין. 'איש צרוע הוא, טמא הוא', איז א סימן אז עס איז דא עפעס א טומאה וואס מען דארף מתקן זיין, און וועגן דעם איז ער געווארן א איש צרוע. און 'טמא יטמאנו הכהן', דער כהן האט אים שוין צוויי מאל מטמא געווען, ער האט שוין געהאט אמאל א פראבלעם מיט נגעי בתים, און ער האט שוין געהאט א פראבלעם מיט נגעי בגדים, און ער האט נישט משים לב געווען, איז וועגן דעם איז ארויסגעקומען אז ער איז געווארן א איש צרוע. - דער מענטש מיינט אז די נגע איז וואס ער האט אויף זיין גוף, אויפן הענט, אויף די פיס, אויף וועלכע פלאץ עס האט אים אויסגעקלאפט די נגע, דארט האט ער א נגע. ניין, 'בראשו נגעו', ער האט א פראבלעם מיטן קאפ, זיין פראבלעם איז אין זיין ראש, אז ער איז נישט משים לב בשעת עס קומט אויף אים גרינגערע זאכן, עס קומט אויף אים נגעי בתים, עס קומט אויף אים נגעי בגדים, און ער איז נישט משים לב אז ער דארף זיך צוריקקערן צום אייבערשטן, דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז עס איז געווארן נאכדעם נגעי אדם.

**וועגן** דעם ווען עס איז געקומען די ערשטע מאל, ווען א מענטש האט געהאט נגעי בתים, די נגע האט אים צוגערירט צום בית, ווען ער איז זיך מטהר פון דעם נגע, האט דער אייבערשטער געזאגט, אז עס איז גענוג פאר אים צו ברענגען שתי צפרים, וואס די צפרים זאלן זיין פאר אים א כפרה. עס איז גענוג פאר אים א קליינע כפרה, אויף דעם וואס עס האט פאסירט ביי אים. אבער אויב ער האט נישט משים לב געווען פון די נגעי בתים, און עס איז שוין געווארן ביי אים נגעי בגדים, און נאכדעם איז געווארן ביי אים נגעי אדם, האט די תורה געזאגט, דער מענטש דארף שוין האבן דריי קרבנות. אויסער די צפרים, דארף ער ברענגען א חטאת מיט א עולה, ווייל ער איז שוין אדורכגעגאנגען נגעי בתים און ער האט נישט משים לב געווען, ער איז שוין אדורכגעגאנגען נגעי בגדים און ער האט נישט משים לב געווען, ער האלט שוין ביי די נגעי אדם, אז עס האט אנגערירט אין אים אליין, איז א סימן אז מען דארף עפעס מתקן זיין. און טאמער איז ער נישט מתקן וואס ער דארף, זאל ער וויסן אז עס איז בראשו נגעו, ער האט א פראבלעם אין זיין אמונה, ער גלייבט נישט אז אלעס איז מיט א חשבון מן השמים, מען וויל אונז עפעס אויפוועקן, עפעס איז נישט אין ארדענונג ביי אונז, און מען דארף האבן דערויף א תיקון.

**און** דאס איז די אזהרה וואס די תורה האט אונז געלערנט, א יעדע נגע וואס עס מאכט זיך, דארף מען עס נישט אוועקמאכן. מען דארף משים לב זיין, און זעהן בעוד מועד, ווילאנג עס האט נאך נישט צוגערירט צו קיין נפש, וואס מען קען מתקן זיין, און צוקומען צו זיין תיקון.

*

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן מיט די מצוה פון קדושים תהיו (ויקרא יט-ב), די תורה זאגט אז מען זאל זיין הייליג, כי קדוש אני ה' אלקיכם, ווייל איך דער אייבערשטער איז הייליג. און ווי רש"י טייטשט, אז דאס גייט ארויף אז א יוד דארף זיין פרוש מן הערוה, מען דארף זעהן צו מאכן גדרים וסייגים כדי נישט נכשל צו ווערן אין איסור פון ערוה. און אויף דעם זאגט מען, וואו מען טרעפט א גדר פון ערוה, געפונט מען א גדר פון קדושה. קדושה דאס איז דער היפוך פון ערוה. די תורה פארלאנגט קדושים תהיו, יעדער דארף זוכן פאר זיך וואס ער קען צוטון, און זיך מקדש זיין, כי קדוש אני ה', ווייל דער אייבערשטער איז קדוש.

**און** רש"י ברענגט צו א מדרש (ויק"ר כד-ה), פרשה זו בהקהל נאמרה, די פרשה פון קדושים איז געזאגט געווארן בהקהל. משה רבינו האט צוזאמגענומען אלע יודן צוזאמען, און ער האט געלערנט מיט זיי די פרשה פון קדושים תהיו. געווענליך אז מען רעדט פון א געוויסע נקודה, איז אמאל דא, אז וואס מען רעדט, איז נישט נוגע פאר יעדן איינעם. אז מען רעדט אז מען דארף געבן צדקה, איז דער עיקר שמועס פאר די עשירים. זיי זענען בעלי הון, זיי קענען געבן צדקה, פאר זיי דארף מען רעדן דעם שמועס. פאר דעם ארימאן איז דאך נישט דא וואס מען זאל אים פארציילן וועגן געבן צדקה, ער האט דאך נישט, ער איז דאך אליין א מקבל. - אז מען רעדט פון התמדת התורה, פאסט עס זיך צו רעדן צו בני תורה, וואס זיי ליגן אין תורה, זיי האבן צייט צו לערנען, זיי זענען נישט פארנומען מיט זייער ארבעט, פאר זיי דארף מען ארויסברענגען ווי ווייט מען דארף אויסנוצען די צייט צו תורה. אזוי איז דא פארשידענע זאכן, וואס נישט יעדע זאך קען מען רעדן פארן גאנצן קהל צוזאמען, מען דארף אלץ רעדן נאר צו א חלק פונעם קהל וואס פאר זיי איז עס נוגע.

**די** מצוה פון קדושים תהיו, דאס קען מען רעדן בהקהל. דאס איז שייך ביי יעדן איינעם. אין דעם איז נישטא קיין אויסנאם. מקטן ועד גדול איז שייך קדושה און פרישות. מקבל זיין אויף זיך, מער פון וואס מען איז געווען ביז יעצט! ווייל העכער-גיין האט נישט קיין שיעור. ביי א פשוטער מענטש, איז די קדושה וואס ער הייבט זיך אויף פון דעם וואס ער איז, אויף א נידריגע מדריגה. און ביי א העכערער מענטש, איז די קדושה וואס עס פארלאנגט זיך פון אים, א העכערע מדריגה פון די קדושה. פרשה זו בהקהל נאמרה, די פרשה פון קדושים, דאס קען מען רעדן צו יעדן איינעם. פון יעדער פון אונז פארלאנגט זיך קדושה ופרישות. פון וואס ער איז, זאל ער שטיין העכער, און שטייגן מער, און מאכן פאר זיך מער גדרים וסייגים וואס עס פעלט אויס.

*

**אין** מדרש (ויק"ר כד-ט) שטייט, קדושים תהיו, יכול כמוני, אפשר וועט עטץ מיינען אז דער אייבערשטער בעהט אז מען זאל זיין הייליג אזוי ווי דער רבונו של עולם איז הייליג. תלמוד לומר, שטייט אין פסוק, כי קדוש אני ה' אלקיכם, איך בין הייליג, קדושתי למעלה מקדושתכם, מיין קדושה איז העכער פון ענקערע קדושה. דער אייבערשטער פארלאנגט נישט פון אונז, אז מיר זאלן זיין קדושים אזוי ווי ער, נאר קדושים תהיו, נישט כמוני, ווייל כמוני איז נישט מעגליך.

**אין** די מפרשים שטייט, אז עס איז אויך מרומז אין דעם פסוק. 'קדשים' תהיו איז געשריבן אן א וא"ו, א לשון חסר. כי 'קדוש' אני ה' אלקיכם, שטייט מיט א וא"ו, קדוש מלא. 'קדשים תהיו', פון ענק פארלאנג איך נישט עטץ זאלטס זיין קדושים, קדושה מלא, ווייל א מענטש איז נאר א בשר ודם, ער קען נישט זיין אזוי הייליג. אפילו מען זאגט קדשים תהיו, איז די קדושה חסר. אבער 'כי קדוש אני ה' אלקיכם', קדושתי, די קדושה פונעם אייבערשטן, דאס איז למעלה מקדושתם, איז העכער פון ענקער קדושה. די קדושה פונעם אייבערשטן איז מלא, און אונזער קדושה איז נישט מלא.

**וואס** מיינט דער מדרש צו זאגן, יכול כמוני. עס וואלט געווען עפעס א הוה אמינא, אז א בשר ודם זאל קענען זיין הייליג אזוי ווי דער אייבערשטער?! עס איז דאך נישט דא אזא קדושה ווי דער רבונו של עולם, אז מען זאל קענען אפילו האבן אן השגה און א הוה אמינא אז יכול כמוני. און מען דארף עס נאך אראפלערנען פונעם פסוק, כי קדוש אני ה' אלקיכם, אז קדושתי איז למעלה מקדושתכם, מיין קדושה איז העכער פון ענקערע קדושה?

**נאר** דער פשט דערפון איז, ווען מען רעדט צו א מענטש, און מען פארלאנגט פון אים קדושה, קען זיך אמאל דאכטן, אז מען רעדט צו אים א זאך וואס איז העכער פון זיין מדריגה. איך קדושה? ער איז אזוי ווייט פון קדושה. ווי קען מען פארלאנגען פון א בשר ודם, אז ער זאל זיין הייליג, זיין אויסגעטון פון דעם עולם, ער זאל

נישט האבן קיין שייכות צו די וועלט. קדושה איז דאך א געוואלדיגע מדריגה וואס א מענטש זונדערט זיך אפ, ער איז א קדוש און א פרוש, ער איז זיך מתבודד פון די וועלט, ער זונדערט זיך אפ פון אלעם, דאס איז דאך טייטש 'קדושה'. קען א מענטש אמאל מיינען, אז מען רעדט צו מיר פון א זאך וואס איז אינגאנצען נישט מיין גדר און מיין גבול, אז מען זאל רעדן צו מיר, אז איך זאל זיין א קדוש.

**אבער** דער אייבערשטער בעהט נישט פון א מענטש ער זאל זיין א מלאך. מלאכים האט דער אייבערשטער אויבן אין הימל, וואס דער אייבערשטער האט זיי באשאפן אן עניני הגוף. זיי דארפן נישט עסן, זיי דארפן נישט טרינקען, זיי דארפן נישט האבן קיין אנדערע צרכים פונעם גוף, זיי האבן די עבודה צו זיין הייליג אויסגעטון פון דעם עולם. די עבודה וואס דער אייבערשטער בעהט פון אונז, איז נישט קיין קדושה אז מיר זאלן ווערן מלאכים. דער **הייליגער רבי פון קאצק** האט געזאגט, 'ואנשי' קדש תהיון לי (שמות כב-ל), מענטשליך הייליג זאלט עטץ זיין צו מיר. דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז, זייט מענטשן, אבער אין די מענטשליכקייט וואס מיר פירן זיך, זאל מען זיך פירן בקדושה.

פרשה זו בהקהל נאמרה, די פרשה איז געזאגט געווארן בהקהל, דער הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו מד.) זאגט, ווען די תורה רעדט פון קדושים, מיינט נישט די תורה, גייטס ארויס אין מדבריות, זונדערטס ענק אפ פון מענטשן, האטס נישט קיין שייכות מיט עולם הזה, נישט אזא סארט קדושה בעהט דער אייבערשטער. דער אייבערשטער בעהט א קדושה בהקהל נאמרה, בלייב אין די שטאט, בלייב מיט אלעם אזוי ווי דו ביסט ביז יעצט. עסן, טרינקן, גיין צו די ארבעט, טון וואס א מענטש דארף צו טון, נאר טו עס מיט קדושה, טו עס מיט ערליכקייט, טו עס מיט הייליגקייט, דאס בעהט דער אייבערשטער פון אונז.

**קדושים** תהיו. יכול, וועט עטץ מיינען, כמוני, אז דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז, אז מיר זאלען זיין קדושים אין אזא מדה וואס עס איז דאביים רבונו של עולם, וואס עס איז אינו גוף, ולא ישיגוהו משיגי הגוף, זיין אפגעזונדערט פונעם גוף, נישט עסן, נישט טרינקען, נישט ארבעטן, נאר זיין קדוש פארן באשעפער. ניין, נישט דאס בעהט דער אייבערשטער פון אונז! קדושתי למעלה מקדושתכם, מיין קדושה אויבן אין הימל איז אסאך א אנדערע קדושה פון ענק. פון ענק פארלאנג איך א קדושה, ואנשי קודש תהיון לי, א קדושה וואס איז א מענטש'ליכע קדושה, וואס דאס איז שייך ביי יעדן איינעם, דאס בעהט דער אייבערשטער פון אונז.

*

**די** קדושה פונעם רבונו של עולם איז אזוי גרויס, השוכן אתם בתוך טומאתם (ויקרא טז-טז), דער אייבערשטער כביכול מיט זיין קדושה, קען ער רוהען ביי אונז בתוך טומאתם. די טומאה פון ארום און ארום שטערט נישט כביכול זיין קדושה, און דער אייבערשטער כביכול ווערט נישט נפגם, פון דעם וואס ער איז שוכן אתם בתוך טומאתם. דאס איז נאר דער רבונו של עולם, מיר זענען נישט אזוי. ווען מיר זענען שוכן בתוך טומאתם, ווערט נפגם אונזער קדושה. מיר קענען נישט זיין קדושים תהיו. פון איין זייט וויל מען זיין קדושים, און פון די אנדערע זייט איז די שטוב מלא טומאה, די שטוב איז נישט קיין ריינע שטוב, די שטוב איז נישט קיין ערליכע שטוב, אין די שטוב געפינען זיך זאכן וואס איז היפך פון קדושה, און ער זאל קענען רוהען אין א שטוב פון טומאה, און השוכן אתם בתוך טומאתם, און ער זאל קענען זיין א קדוש אויך, דאס איז נישט דא ביי אונז! יכול, עטץ וועט מיינען, אז ווען דער אייבערשטער בעהט פון אונז קדושים תהיו, כמוני, קענט עטץ זיין קדושים אזוי ווי איך, עטץ קענטס זיין קדושים מיט אלעס פון די וועלט, אלעס וועלן מיר האבן אין שטוב, נאכגיין אלע תענוגי העולם, און זיין א קדוש אויך. תלמוד לומר, שטייט אין פסוק, כי קדוש אני ה' אלקיכם, קדושתי למעלה מקדושתכם, דעם רבונו של עולם'ס קדושה קען זיין א קדושה וואס איז שוכן אתם בתוך טומאתם, אבער ביי אונז, אויב

אונזער שטוב איז נישט הייליג, מיר גייען נישט פירן אונזערע שטיבער בקדושה, איז נישטא קיין קדושים תהיו.

**עס איז נישט געגוג וואס ער וועט זיך פירן הייליג, ער וועט דאווענען, ער וועט גיין אין בית המדרש, און ער וועט געבן צדקה, און טון מצות ומעשים טובים, ער איז א קדוש, אבער ער קומט אהיים צו זיך אין די שטוב, איז עס אן אנדערע סארט שטוב פון דעם וואס ער איז. ער פירט זיך בקדושה, און די שטוב איז שוכן אתם בתוך טומאתם. מען ברענגט אריין אין שטוב כלים וואס מען דארף נישט אריינברענגען, די היינטיגע טעכנאלאגיע וואס עס קומט אריין אין שטוב. ווי אזוי מען גייט געקליידעט אין די שטוב, ווי אזוי די בני בית גייט אנגעטון, צו דאס איז אויסגעהאלטן בדרכי הצניעות ווי אזוי מען דארף צו גיין אנגעטון, צו דאס איז נישט אויף דעם וועג. אויב זיין שטוב איז נישט קיין הייליגע שטוב, קען נישט זיין אז ער זאל זיין א קדוש! ווייל נאר ביים רבונו של עולם איז השוכן אתם בתוך טומאתם. אז מען פארלאנגט פון אונז צו זיין קדושים, איז טייטש אז א טאטע, א מאן, דארף זיך אומקוקן אויף די שטוב אז די שטוב זאל זיין הייליג! ווי אזוי די בני בית גייט אנגעטון דארף זיין ערליך, ווי אזוי די קינדער גייען אנגעטון דארפן זיין ערליך, די שטוב זאל זיין ריין. ווען די שטוב איז ריין, דעמאלטס קען זיין א קדושה אין די שטוב.**

**ווען** ער איז געקומען צום כהן, און ער האט אים געזאגט כנגע נראה לי בבית (ויקרא יד-לה), אזוי ווי א נגע זעהט מיר אויס אין שטוב. ער קען זיך נאך נישט גלייבן, איך בין דאך א וואוילער איד, מיר האט דער אייבערשטער געשיקט א נגע? עס איז נאר 'כנגע', עס קען זיך מיר נישט גלייבן אז עס איז דא ביי מיר אין שטוב א נגע. פארוואס קומט זיך מיר א נגע אין שטוב? עס איז כנגע, עס זעהט נאר אויס אזוי ווי א נגע. וצוה הכהן, זאל דער כהן הייסן, ופנו את הבית, נעם אלע חפצים פון שטוב און לייג עס ארויס. לאמיר זעהן וואס דו האסט ביי דיר אינדערהיים. ווען מען וועט מפנה זיין דעם בית, וועסטו זעהן פארוואס עס איז געווען די נגע. עס איז נישט 'כנגע' נראה לי בבית, עס איז א נגע ממש. **מען וועט נעמען אלע דיינע חפצים וואס דו האסט אין שטוב און ארויסלייגן, מען וועט נעמען אלע דיינע קליידער וואס איז דא אין שטוב און ארויסלייגן אינדרויסן, וועסטו טרעפן פארוואס עס האט פאסירט ביי דיר א נגע אין די שטוב.** ער קומט און זאגט 'כנגע' נראה לי בבית, עס קוקט מיר נאר אויס אזוי ווי א נגע, ווייל ער גלייבט זיך נישט, איך בין דאך א וואוילער יוד, פארוואס פאסירט ביי מיר א נגע, אבער ווען מען וועט מפנה זיין דעם בית, וועסטו געוואויר ווערן פארוואס די נגע איז געקומען.

*

**עס** שטייט אין די תורה הק' (דברים כג-טו) כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחנך, דער אייבערשטער גייט צווישן יודען, להצילך, דער אייבערשטער איז מציל יודען, ולתת אויביך לפניך, און ער גיט די פיינט אונטער דיר. אבער די תורה פארלאנגט איין זאך, והיה מחנך קדוש, דיין שטוב זאל זיין א הייליגע שטוב, דיין מחנה זאל זיין קדוש, ולא יראה בך ערות דבר, דער אייבערשטער זאל נישט זעהן ביי דיר אין שטוב אן ערות דבר, ווייל ושב מאחריך, דער רבונו של עולם לאזט איבער די שטוב, ער גייט ארויס פון דעם פלאץ, ושב, דער אייבערשטער טוט זיך אומקערן, מאחריך, פון אונטער דיר. דער אייבערשטער קען נישט רוהען אין א שטוב וואו עס איז דא טומאה.

**מיר** גלייבן אז לא חשיד קוב"ה דעביד דינא בלא דינא (ברכות ה:). ווען עס פאסירט א אומגליק, דארף א יוד וויסן, אז עס איז נישט קיין מקרה. עס איז נישט אז עס האט פאסירט, און וואס עס פאסירט ביי אנדערע, האט דא אויך פאסירט. עס איז תדאג כל החבורה, מיר דארפן זיך אומקוקן אויף אונזערע שטובער, צו אונזערע שטובער זענען ערליך, און מען דארף זיך אומקוקן אויף די בגדים וואס מען גייט. עס איז ליידער געווארן א מצב, וואס יודעי דבר זאגן, אז די פריצות איז זייער גרויס, די קליידונג וואס מען גייט היינט אנגעטון איז נישט אזוי ווי אונזערע מאמעס און אונזערע באבעס זענען געגאנגען אנגעטון, עס איז זייער ווייט דערפון.

**עס** איז א חרפה צו זאגן אין א בית המדרש, אז מען זאל קענען זאגן אויף א יודישע טאכטער וואס גייט אויף די גאס, אז מען קען נישט דערקענען צו דאס איז א יוד צו א גוי, אין די קליידונג ווי אזוי מען גייט אנגעטון. דאס זאגט עפעס! דאס זאגט, אז עס פעלט ביי אונז די קדושה, און די צניעות, וואס עס דארף צו זיין אין א יודישע שטוב. און דאס איז די סיבה, ולא יראה בך ערות דבר, ווען עס איז דא אן ערות דבר אין א יודישע שטוב, ושב מאחריך, דעמאלטס גייט דער רבונו של עולם אוועק פון דארט, דער אייבערשטער איז נישט אויף דעם פלאץ.

**אין** שלחן ערוך (או"ח עה-א) שטייט, טאמער עס איז דא טפח מגולה באשה, מען גייט נישט געהעריג צוגעדעקט אויף די מקומות המכוסים, ווען עס איז דא האר וואס איז אויפגעדעקט, טאר מען נישט זאגן קיין דבר שבקדושה דערקעגן. **ווען דער מאן איז אין שטוב, און מען גייט נישט אנגעטון געהעריג, טאר ער נישט זאגן קיין ברכה אין די שטוב. ער טאר נישט דאווענען אין שטוב, ער טאר נישט זאגן קידוש אין שטוב.** טאמער עס איז עפעס אויפגעדעקט, צו די האר איז אויפגעדעקט, צו פונעם גוף איז אויפגעדעקט די מקומות המכוסים, איז נישט נאר אז ער איז נישט מקיים די מצוה וואס ער דארף מקיים זיין, צו זאגן קריאת שמע וכדומה, נאר ער איז עובר אויף א לאו פון לא יראה בך ערות דבר, עס איז דא א איסור אז מען טאר נישט זאגן קיין דבר שבקדושה אקעגן א מקום וואס איז מגולה. און מגולה מיינט נישט אויפגעדעקט אינגאנצען, עס שטייט אין שלחן ערוך (שם סעיף ה') אז אפילו אויב דער בגד איז דורכזיכטיג, איז עס א מקום מגולה. אז מען גייט נישט מיט קיין געהעריגע זאקן, עס איז דורכזיכטיג, און מען זעהט אדורך, איז עס א מקום מגולה, אפילו עס איז דא זאקן אויף די פיס. און אז מען זאגט אזוי א דבר שבקדושה, טוט מען נישט קיין מצוה, עס איז בוצע ברך נאץ ה' (תהלים י-ג). ווען מען זאגט א דבר שבקדושה אקעגן א מקום מגולה, איז דא א איסור אין דעם דיבור וואס מען זאגט. עס איז דא א שמועס אין די פוסקים (עיין **במשנה ברורה** שם סק"ד) צו מען איז מחויב אפילו איבערצוזאגן די ברכה נאכאמאל, צו מען איז מחויב איבערצודאווענען אז מען האט אזוי געדאווענט [איך וועל נישט אריינגיין יעצט אין די פרטים פון די הלכות דערפון]. דאס איז דער לא יראה בך ערות דבר, אויב אין א יודישע שטוב איז דא א ערות דבר, עס פעלט אין דעם קדושים תהיו, ושב מאחריך, קען נישט זיין קיין השראת השכינה אין די שטוב.

**דער** משנה ברורה איז דאך נישט געווען קיין חסיד, ער איז געווען פון די ליטא. איך וועל נאכזאגן דעם לשון פון **משנה ברורה** (שם סקי"ד) וואס ער איז מעתיק אקעגן די הלכה פון האר. זאגט דער הייליגער **משנה ברורה**, ובזוהר (פרשת נשא קכה:) החמיר מאוד, שלא יתראה שום שער מאשה, אז קיין שום האר זאל זיך נישט ארויסזעהן ביי א אשה, דגרמא מסכנותא לביתא, עס ברענגט עניות אין דעם שטוב. וגרמא לבנהא דלא יתחשבון בדרא, און עס איז גורם פאר די קינדער, אז זיי זאלען נישט זיין קיין חשובים אינעם דור. מען זאל זיי נישט מחשיב זיין, זיי זאלען זיין אראפגעזעהענע קינדער. וסטרא אחרא לשרות בביתא, עס ברענגט אריין די סטרא אחרא זאל רוהען אינעם שטוב, דאס איז אפילו ווען מען גייט אין שטוב אזוי, וכל שכן אם הולכות בשוקא כך, און כל שכן ווען א אידענע גייט אזוי ארויס אויף די גאס, איז אוודאי אזוי. על כן בעאי איתתא, וועגן דעם פארלאנגט זיך, דאפילו קורות ביתה, אפילו די באלקאנס פונעם שטוב, לא יחמון שערה חדא מרישאה, זאלן נישט זעהן אפילו איין האר פון אירע האר. ואי עבדית כן, אז מען פירט זיך בצניעות, מה כתיב, וואס שטייט אין פסוק (תהלים קכח-ג), בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, די קינדער וועלן זיין ארום דיין טיש אזוי ווי די שתילי זיתים, דו וועסט זוכה זיין צו האבן גוטע קינדער, בנהא יסתלקון בחשובין על שאר בני עלמא, דיינע קינדער וועלן זיין חשוב'ער פון אלע אנדערע אויף די וועלט. ולא עוד, אלא דבעלה מתברך בכל ברכאן דלעילא וברכאן דלתתא, דער מאן ווערט געבענטשט מיט אלע ברכות פון אויבן און פון אונטען, בעותרא, מיט עשירות, בבנין ובני בנין, מיט קינדער און אייניקלעך.

**וויפיל פלאגן זיך היינט עלטערן אז מען זאל קענען מחנך זיין ערליכע יודישע דורות, די נסיונות זענען דאך אזוי גרויס, וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען היינט האבן אז קינדער זאלן נישט ארויסגיין ח"ו לתרבות רעה, עס איז דאך אזוי ביטער שווער געווארן דער חינוך פון קינדער, אז מען זאל קענען אנהאלטן דאס וואס מיר האבן מקבל געווען אונזער מסורה. מיר קענען צוטון דערצו, ווען אונזערע שטובער וועלן זיין שטובער וואס מען גייט געהעריג אנגעטון בצניעות, דאס ברענגט א ברכה אין די שטוב, דאס ברענגט פרנסה אין דעם שטוב, קינדער און אייניקלעך וואס וועלן זיין חשוב אויף די וועלט און חשוב אויף יענע וועלט. וויפיל וואלט א טאטע א מאמע אוועקגעגעבן ווען מען זאגט אים, דו קענסט האבן א חשוב קינד אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, ער וואלט דאך אלעס געאפפערט.** און אמאל איז דאס נאר א קלייניגקייט וואס מען דארף אכט געבן, ווי אזוי מען גייט אנגעטון, און דאס לאזט איבער די השראה אויפן שטוב.

**דאס** איז די עבודה וואס פארלאנגט זיך פון אונז, קדושים תהיו, זיין הייליג. מען פארלאנגט נישט מען זאל גיין אנגעטוען מיט א זאק אויף די גאס. מען פארלאנגט נישט אז מען זאל זיין אזוי ווי א מלאך, מען זאל זיין אפגעזינדערט פון די וועלט. מען קען גיין שיין געקליידעט, און מען קען גיין עס זאל זיין באשיידן מיט א יודישען טעם און א יודישע חן. אונזערע מאמעס אונזערע באבעס זענען אזוי געגאנגען, אל תטוש תורת אמך. - ביי אונז איז זייער חשוב פיקטשער"ס פון אמאל, וואס מען טוט היינט אלץ פאר פיקטשער"ס, לאמיר אפירנעמען אונזערע אלבו"ם'ס קוקן ווי אזוי אונזערע באבעס זענען געגאנגען אנגעטון, לאמיר זיי פרובירן נאכצומאכן, לאמיר גיין אויף די וועג ווי אזוי זיי זענען געגאנגען. עס איז נישט שיין אז מען קען ווייזן אז די באבע איז געגאנגען אזוי צניעות'דיג אנגעטון, אבער ביי די קינדער און די אייניקלעך האט עס נישט קיין שייכות. עס פארלאנגט זיך פון אונז קדושים תהיו. לאמיר זיך צושטעלן צו דעם וואס אונזערע אבות זענען געגאנגען, וואס אונזערע אמהות זענען געגאנגען, און זיך פירן הייליג. און דעמאלטס ווען עס וועט זיין לא יראה בך ערות דבר, איז ה' אלקיך מתהלך בקרב מחנך להצילך ולתת אויביך לפניך, וועט דער אייבערשטער זיין צוזאמען מיט אונז.

**ווען** אונזערע עלטערן זענען געווען אין מצרים, שטייט אין די גמרא (סוטה יא:) בזכות נשים צדקניות איז מען ארויסגעגאנגען פון דעם גלות. דער זכות פון נשים צדקניות איז זייער א גרויסער זכות. מיט א קלייניגקייט וואס מען איז עפעס מתקן, מען קען נישט איבערדרייען פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט די גאנצע שטוב, מיט אלע מלבושים, און דער אויסזעהן ווי אזוי מען גייט אנגעטון, אבער עס איז שייך זיך צו פארבעסערן, עס איז שייך כאטש אנצוהייבן צו טון עפעס, כאטש זיך פארנעמען איין זאך, מיר גייען מוסיף זיין א גדר אין צניעות ביי אונז אינדערהיים! צו דאס וועט זיין אין קליידונג, אין די קליידער פון די בני בית, צו אין די קדושה וואס עס דארף צו זיין אין א יודישע שטוב. אז מיר טוען עפענען א פתח וואס איז כחודו של מחט, וועט דער אייבערשטער עפענען א פתח וואס עגלות וקרוניות וועלן קענען אריינגיין דערין.

*

**תשובה** ותפלה וצדקה, מעבירין את רוע הגזירה. אין די מחזורים איז אנגעצייכענט אויף תשובה און תפילה און צדקה, אז עס איז צום קול ממון. אז מען וויל מעביר זיין רוע הגזירה, דארף מען טון די דריי זאכן. פאסטן, מען גייט דאך יעצט אריין אין די טעג פון בה"ב וואס דאס איז 'צום'. ממון קען מען נישט פארלאנגען פון יעדן, נישט יעדער איינער האט די מעגליכקייט צו טון זיין עבודה אין ממון. אבער קול האט יעדער איינער. קול איז געזאגט געווארן פאר יעדן, דאווענען פארן אייבערשטן. **ווען מען קומט אריין אין בית המדרש, זאל דאס דאווענען נישט זיין קיין מצות אנשים מלומדה. ער האט שוין יוצא געווען, ער האט שוין אפגעזאגט די ווערטער וואס ער האט געדארפט זאגן. ווען מען קומט אריין דאווענען,**

זאל עס זיין מיט א ערנסטקייט, **אויסלעשן דעם סעלפאר"ן. די פאר מינוט וואס איך בין אין בית המדרש, בין איך זיך מייחד מיט'ן רבונו של עולם, איך האב אינזין וואס איך בעהט, און אויסגיסן דאס הארץ פארן אייבערשטן.** עס איז דא אזויפיל מתפלל צו זיין, מען דארף דאך אזויפיל סייעתא דשמיא און אזויפיל רחמים, וואס דאס קען מען אלעס פועל'ן מיט תפילה.

**דער** אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו די תפלות פון יעדן איינעם. על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא (תהלים לב-ו), די גמרא (ברכות ח.) דרש'נט, לעת מצוא זו מיתה, ווען מען זעהט אז עס איז אן עת מצוא, דארף מען מקבל זיין אויף זיך, על זאת יתפלל כל חסיד אליך, נעמען אויף זיך דעם כח פון תפלה. דער כח פון תפלה איז זייער גרויס, ווען יודען זענען מתפלל, און מען בעהט פונעם אייבערשטן, איז דער באשעפער מקבל די תפלות. מען דארף היינט בעטן זייער אסאך רחמים אויף יודישע שטובער, צו קענען מגדל זיין ערליכע קינדער.

**אז** דער אייבערשטער העלפט אז מען איז געזונט, וויפיל דארף מען בעטן פונעם רבונו של עולם אז מען זאל בלייבן געזונט. עס איז נישט קיין קונץ אז ווען מען איז נישט געזונט, דעמאלטס איז מען מעורר און מען בעהט פונעם רבונו של עולם רפואות און ישועות, דער אייבערשטער זאל העלפן. **עס שטייט אין די גמרא** (סנהדרין מד:), **לעולם יקדים אדם תפלה לצרה, ווילאנג אלעס גייט גוט, דעמאלטס דארף מען מתפלל זיין.** עס איז אסאך גרינגער צו פועל'ן אין הימל, אז ווען מען איז געזונט זאל מען בלייבן געזונט, ווי ח"ו ווען עפעס האט פאסירט, און נאכדעם דארף מען בעטן, אז דער באשעפער זאל היילען. **יעדער דארף מתפלל זיין, ווילאנג מען האט נאך א געזונטע שטוב, מען האט נאך קינדער וואס זענען ערליך, קינדער אין די וויגען, קינדער וואס גייען נאך אין חדר, און זאגן אזוי שיין שמע ישראל, און זיי זענען גרייט צו דאווענען ווען מען בעהט זיי צו דאווענען, און זיי לערנען ווען מען הייסט זיי לערנען, דעמאלטס דארף מען מתפלל זיין, אז דאס זאל ווייטער אנהאלטן אויף שפעטער אויך, און נישט אז ח"ו שפעטער זאל זיך עס אפשטעלן.**

**די** תפלות וואס א יוד דארף מתפלל זיין, איז נישט נאר בשעת ווען עס איז שוין דא די צרה, מען דארף מתפלל זיין צום אייבערשטן ווילאנג אלעס גייט פאר אים גוט! בעטן פונעם רבונו של עולם, דער אייבערשטער איז נישט מבזה קיין שום תפלה, פנה אל תפלת הערער, ולא בזה את תפלתם, תכתב זאת לדור אחרון (תהלים קב-יח), עס שטייט אין מדרש (ויק"ר ל-ג, ילקוט תהלים תתנה) ווען עס קומט דער דור אחרון וואס מיר האבן גארנישט, נישט קיין בית המקדש, נישט קיין כהן, נישט קיין נביא, מיר האבן גארנישט. אבער תפלה איז געבליבן. על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא, ווען עס קומט די צייט וואס מען שטייט נאנט צו די גאולה, דארף מען מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטן. דער באשעפער זאל מקבל זיין אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, אז יעדער איינער זאל זיך פארנעמען, וואס ער קען עפעס אויפטון, עפעס מתקן זיין, אפילו עס איז נאר א קלייניגקייט, מחשיב זיין אפילו א דבר קטן וואס מען טוט. מען זאל נישט אנהייבן מיט גרויסע זאכן, נאר אנהייבן זיך צו טוישן מיט קלייניגקייט. זיך פירן ערליך, זיך פירן בקדושה, עס קומט דאך אזא שווערער זומער וואס מען דארף אדורכגיין, וואס די נסיונות זענען אזוי גרויס. וואס א יוד טוט, ער טוט אנהייבן, ער פרובירט זיך צו פירן ערליך, און ער וויל זיך פירן ערליך, דאס גיט דעם כח דערצו, אז דער אייבערשטער זאל נאכדעם עפענען א פתח וואס איז אסאך מער פון וויפיל מיר האבן אנגעהויבן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די נשמה זאל האבן אן עליה, און זיין א מליצת יושר פאר די משפחה, און פאר אלע ארומיגע, און פאר אלע וואס האבן געהאט א שייכות, אלע וואס זענען אין די בני חבורה. זאל מען אויבן פון הימל מעורר רחמים זיין אויפן כלל ישראל, און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

# בסעודת בר מצוה של הבחור שמואל נ"י בן הר"ר משה יוסף גלויבער הי"ו

יום ה' פרשת אחרי - קדושים תשע"ג לפ"ק

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די תורה הק' זאגט, את משפטי תעשו, מען זאל טון די משפטים פונעם אייבערשטן, ואת חוקותי תשמרו, און מען זאל אפהיטן די חוקים פונעם באשעפער, ללכת בהם, עטץ זאלטס גיין אין זיי, אני ה' אלקיכם (ויקרא יח-ד). וואס איז דער 'ללכת בהם', אז מען זאגט שוין אז מען זאל טון די משפטים פונעם באשעפער, און מען זאל אפהיטן די חוקים, מיינט דאך דאס אז מען זאל גיין אין די דרכי התורה. וואס האט דער פסוק צוגעגעבן נאכדעם, אז עס איז נאכנישט גענוג, נאר ללכת בהם, מען זאל גיין דערמיט, אני ה'.

**עס** קען אפשר זיין לענינינו, מען זיצט ביי א סעודת בר מצוה, עס איז א שמחה, דער אייבערשטער העלפט, אז עלטערן קענען מחנך זיין קינדער, און אריינברענגען נאך א קינד לעול התורה והמצות. אין די פוסקים שטייט, אז עס איז א גרעסערע שמחה ווי ווען מען מאכט חתונה א קינד. א חתונה איז נאר א שמחה גשמיות, און דאס איז כולו רוחני, מען ברענגט אריין א קינד לעול התורה.

**קיום** המצות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז א מתנה טובה וואס איז באגרעניצט מיט די צייט. נאר די יארן וואס מען געפונט זיך אויף דעם עולם, קען מען מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען. במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.). ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, איז דא א עולם הבא, עס איז דא שכר, א ניצחיות'דיגע שכר, א זאך וואס הערט זיך נישט אויף קיינמאל, עס בלייבט אויף שטענדיג, אבער דאס אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען, טון מצות פארן באשעפער, דאס איז נאר אויף דעם עולם. עס שטייט אין הייליגע ספרים, דער פסוק (זכריה ג-ז) זאגט, ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלו. מלאכים ווערן אנגערופן 'עומדים', זיי שטייען אויף איין פלאץ. ביי זיי אין נישט דא קיין עליה, אז מען זאל קענען שטייגען. ווי אזוי דער אייבערשטער האט זיי באשאפן, אויף דעם וועג שטייען זיי. די זעלבע איז א מענטש אויך, ווילאנג ער לעבט אויף די וועלט, איז ער א הולך. ער קען יעדן טאג צוטון נאך מצות און נאך מעשים טובים, און שטייגען אין א העכערע מדריגה. אבער ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, הערט זיך עס אויף, ער ווערט אין די בחינה פון א עומד, ער בלייבט שטיין. דאס וואס מען האט זיך איינגעקויפט, מיט דעם בלייבט מען, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז).

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז א יוד קען זוכה זיין, אז ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה. אפילו ווען ער געפונט זיך שוין בין העומדים, צווישן די וואס האבן געענדיגט זייער ארבעט אויף דעם עולם, אבער ונתתי לך מהלכים, ער קען נאך ווייטער זיין א הולך. אויב מען איז מחנך די קינדער אז זיי זאלן גיין בדרכי התורה, עלטערן געבן אוועק זייער כוחות צו ערציען קינדער וואס זאלן ווייטער ממשיך זיין די דרכי אבות, איז אפילו ווען די עלטערן זענען מער נישט דא אויף דעם עולם, אבער זייער קינדער זענען ממשיך און זיי גייען אין זייערע וועגן, טוט דאס צוגעבן א עילוי פאר די עלטערן, אז זיי האבן צוגעברענגט אז די קינדער זאלן גיין אין דרכי התורה. און עס ווערט גערעכנט פאר זיי ווי זיי טוען ווייטער מקיים זיין דעם רצון פונעם אייבערשטען, ווייל זיי האבן דאס צוגעברענגט. דאס וואס זיי זענען מקיים יעצט די מצות ה', איז פון זייער זכות.

**עס** איז דא א הייליג ווארט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, ווען מען ענדיגט קריאת שמע זאגט מען, למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה וגו', כימי השמים על הארץ (דברים יא-כא). ווען א מענטש געפונט זיך אויף יענעם עולם, עס איז ימי השמים, קען מען מער נישט טון קיין מצות און מעשים טובים. אבער עס קען אמאל זיין, אז אפילו מען איז אויבן אין הימל, זאל ווערן

גערעכנט ווי מען איז על הארץ, ווי ער געפונט זיך דא אויף דעם עולם. ווען א יוד איז מקיים וואס עס שטייט פאר דעם אין קריאת שמע, ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך, ער גיט איבער די תורה פאר די קינדער, ושננתם לבניך, ער לערנט תורה מיט די קינדער, אז זיי זאלן זיך שטענדיג פירן אין דרכי התורה, איז למען ירבו ימיכם, האט מען אסאך טעג. נישט נאר די טעג און יארן וואס מען געפונט זיך אויף דעם עולם, נאר עס איז ירבו ימיכם, עס טוט פארמערן די טעג, אז עס איז 'כימי השמים', אפילו די טעג וואס מען געפונט זיך אין הימל, ווערט גערעכנט 'על הארץ', ווי ער געפונט זיך אויף דעם עולם.

**זאגט** די תורה הק', עס איז נישט גענוג אז עטץ זענטס מקיים די מצות צו גיין בדרכי התורה, און דאס וועט זיך אפשטעלן נאכדעם ווען מען גייט אוועק פון דעם עולם. נאר את משפטי תעשו ואת חוקותי תשמרו, עטץ זאלטס אזוי אפהיטן די משפטים פון די תורה, און עטץ זאלטס אזוי אפהיטן די חוקים, ללכת בהם, אז מען זאל קענען בלייבן מיט דעם א הולך אויף שטענדיג, עטץ זאלטס קענען ווייטער אויף גיין אין די וועגן. ווען עלטערן פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, און מען גיט עס איבער פאר די קינדער אז זיי זאלן גיין בדרכי התורה, איז דאס ללכת בהם, מיט דעם האט מען א הליכה אויף שטענדיג.